# צום פינטל

גליון נב
פרשת וירא תשפ"ד

## משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

# פרשה

## הכנסת אורחים גדולה מגמילת חסדים

### ◆ הכנסת אורחים גדולה מגמילת חסדים

אברהם אבינו איז געווען דער 'עמוד החסד', אָן א שיעור חסדים האט זיך געגאסן פון זיין שטוב, אבער עפעס במיוחד איז געווען זיין 'הכנסת אורחים', ווי די פרשה פארציילט זיין קאכעדיגע ברען אין די דאזיגע מצוה, שפעטער האט ער אפילו אויפגעבויט א גאנצע גאסט הויז פאר דעם צוועק, ווי די פסוק זאגט 'ויטע אשל בבאר שבע'. (עי' אבות דר' נתן פרק ז). דארף מען פארשטיין וואס איז מיוחד מיט די מצוה פון 'הכנסת אורחים', פארוואס האט ער זיך פארלייגט אויף דעם מער ווי אלע אנדערע 'גמילת חסדים'.

רש"י אין מסכת שבת (קכז ב ד"ה ה"ג הני נמי) און אין רמב"ם הלכות הכנסת אורחים (הלכות אבל יד א-ב) שטייט אז 'הכנסת אורחים' איז א חלק פון אלע אנדערע 'גמילות חסדים', אבער פון ספרים הקדושים זעט מען אז 'הכנסת אורחים' האט א מיוחדיג'קייט, עפעס איז דא ביי 'הכנסת אורחים' וואס איז נישט דא ביי אלע אנדערע 'גמילות חסדים', 'גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה', ס'שטייט נישט 'גדולה גמילת חסדים יותר מקבלת פני השכינה', 'הכנסת אורחים' איז עפעס במיוחד.

און אזוי שטייט בפירוש אין מהרש"א (ברכות י' ע"ב ד"ה הרוצה) אז 'הכנסת אורחים' איז גרעסער פון 'גמילת חסדים'. און אזוי ברענגען די אחרונים אויך פון מאירי (שבת קכ"ז) אז 'הכנסת אורחים' איז עפעס מער במיוחד, ס'איז גרעסער ווי אלע אנדערע זאכן ('לעולם ישתדל אדם בהכנסת אורחים שאין לך מצוה גדולה הימנה').

אויך אין די פוסקים (שועה"ר סימן של"ג, פתחי תשובה יורה דעה סימן סט, תרומת הדשן סימן ע"ב) טרעפט מען אז 'הכנסת אורחים' איז נישט סתם גמילת חסדים, פאר 'הכנסת אורחים' קען מען מקיל זיין, הכנסת אורחים ווערט באטראכט ווי א 'שעת הדחק', מ'איז מקיל זיין אסאך מער ווי אויף אנדערע 'גמילת חסדים'. וואס איז די מיוחד'דיג'קייט מיט 'הכנסת אורחים' מער ווי אלע אנדערע 'גמילות חסדים'.

### ◆ חייך קודמין

ביי מצות צדקה ווייסט מען אז 'חייך קודמין', דער עיקר האלט מען פאר זיך, פארן ארימאן געט מען אראפ אביסל פונדערזייט, 'מעשר' אדער 'חומש', אויך ביי גמילת חסדים

**דער מהר"ל זאגט אז די השגה - די געשמאק און די לעכטיגקייט וואס מ'באקומט ביים אויפנעמען א גאסט, ביים אויפנעמען א 'פנים חדשות', דאס איז א גרעסערע לעכטיגקייט ווי ביים עוסק זיין אין השגות און אין משכלות, 'הכנסת אורחים' איז א לעכטיגקייט וואס מ'באקומט 'פנים אל פנים'**

איז בעיקר דער מענטש עוסק מיט זיך, און פאר א צווייטן געט ער אראפ אביסל, אביסל פון זיין צייט אביסל פון זיינע כוחות. אבער ביי 'הכנסת אורחים' פאלט אוועק דער 'חייך קודמין', מ'עפנט אויף די שטוב, די געסט נעמען צו דיין פריוואטקייט, ווי איז אוועק געפאלן דעם 'חייך קודמין', וואס איז פשט אז מ'געט אים אוועק אלעס, ווי איז אוועקגעפאלן די 'פרייוועסי' פונעם מענטש. (באמת איז 'הכנסת אורחים' נאר פאר א קארצע זמן, פאר א טאג צוויי, פאר א וואך צוויי, מ'געט אראפ נאר אביסלע צייט פון די אייגענע פרייוואטקייט, אבער ס'איז דא א בעסערע תירוץ, לפי וואס וועט ווערן נתבאר).

געווענטליך ביי 'גמילת חסדים' איז נישט דא קיין חיוב נאכצוגיין נאכדעם, נר אויב ס'איז 'נזדמן לפניו' איז מען מחויב דאס צו טון (חתם סופר חולין קל"ט ע"ב ד"ה ת"ל דאין חובה ללכת לחזר בהרים וכו'), אבער ביי 'הכנסת אורחים' טרעפט מען יא אז מ'זאל נאכגיין נאכדעם, אזוי ווי מ'זעט ביי אברהם אבינו ווי ער איז נאכגעלאפן נאכדעם. ווי ס'איז מבואר אין כד הקמח (ערך אורחים ל"ט ע"א) און אין אהבת חסד (חלק ג פרק ב) פונעם הייליגן חפץ חיים, אז פון אברהם אבינו זעט מען אז מ'דארף נאכגיין נאך עס. דארף מען ווייטער פארשטיין, וואס איז די גרויסקייט פון 'הכנסת אורחים' אז מען דארף אזוי שטארק נאכגיין.

די אחרונים (ובתורתו יהגה פרק יא) זענען מסביר אז דאס איז א ענין פון 'פיקוח נפש', למשל, אמאליגע צייטן ווי מ'איז נאר געפארן, האט מען זיך כסדר גע'דארפט אפשטעלן אויף צו איבער נעכטיגען, ס'איז געווען א גרויסע סכנה טאמער האט מען נישט געהאט ווי צו זיין. ווי די לשון פון די ראשונים (תורת המנחה לתלמיד הרשב"א וירא דרשה ט') "ואין לך פקוח נפש כמרחם על האורח". ענדליך צו וואס ס'שטייט אויף 'ידינו לא שפכו את הדם', אז מ'האט אים נישט אוועקגעשיקט אָן באגלייטן און צידה לדרך.

### ◆ הכנסת אורחים פנים אל פנים

דער מהר"ל זאגט (חי' אגדות שבת קכז) אז די השגה - די געשמאק און די לעכטיגקייט וואס מ'באקומט ביים אויפנעמען א גאסט, ביים אויפנעמען א 'פנים חדשות', דאס איז א גרעסערע לעכטיגקייט ווי ביים עוסק זיין אין השגות און אין משכלות, 'הכנסת אורחים' איז א לעכטיגקייט וואס מ'באקומט 'פנים אל פנים'. ווען מ'איז עוסק אין משכלות השגות און דביקות, איז מען משיג דעם אמת פונעם אייבירשטן, אבער מ'קען אים נישט זען, 'כי לא יראני האדם וחי', אבער ווען מ'נעמט אריין א גאסט, איז דאס כאילו מ'וואלט געזען די שכינה פנים אל פנים ממש.

'הכנסת אורחים' איז נישט נאר פארן 'אורח', הכנסת אורחים איז אויך פארן 'מארח', 'הכנסת אורחים' געסטו אוועק פון דיר, און די באקומסט נאך אסאך מער, די געבסט פארן גאסט 'כבוד', די געסט 'כבוד' פאר זיין 'צלם אלקים', און די באקומסט די לעכטיגקייט וואס ער ברענגט אריין. ווי מ'זעט בחוש אז א 'גאסט' ברענגט אריין א

המשך בעמוד הבא

פרישקייט אין שטוב, צומאל איז טאקע שווער אז די שטוב פארט נישט אינגאנצען ׳נאטורליך׳ ווייל ס׳איז דא א גאסט, אבער ער ברענגט אריין עפעס, ער ברענגט אריין א פרישע קאליר, פרישע דיבורים, א פרישע ׳כבוד׳ און געשמאק.

און דאס איז די לשון פון דער מהר״ל ״הקבלת פני שכינה, אין זה כבוד שכינה, כי לא יראני האדם וחי, ואין דבר זה כמו הכנסת אורחים, שהוא מכבד האדם כאשר באו אליו פנים חדשות, וחביב עליו האדם שנברא בצלם אלקים, כאשר נראה אליו, והוא מתחבר לגמרי אל צלם אלקים הזה, והוא יותר מקבלת שכינה, כי אין חיבור אל השכינה״.

אויך דער מאירי איז מסביר (שבועות דף לה) אז טרדות שטערט צו לערנען און דאווענען, טרדות שטערט פאר ׳השראת השכינה׳, אבער דאך איז ענדערשט צו טון פאר ׳הכנסת אורחים׳, מ׳וועט האבן מער ׳השראת השכינה׳ אויב מ׳וועט זיך אפגעבן מיט די גאסט. די לעבעדיגקייט וואס דער גאסט ברענגט אריין, די פרישע דיבורים, די פרישע כבוד און געשמאק, דאס איז די השראת השכינה.

ממילא פארשטייט מען זייער גוט וואס די תורה פארלאנגט אזא גרויסע זאך ווי ׳הכנסת אורחים׳, ווייל ס׳איז נישט נאר פארן ׳אורח׳, ס׳איז אויך פארן ׳מארח׳, דער ׳מארח׳ וועט נאר צו באקומען לעבעדיגקייט פון דעם. און ס׳נעמט אויך נישט אוועק פונעם פריוואטקייט פונעם ׳מארח׳, ווייל אדרבא דער גאסט ווערט ווי א חלק פון דיין אייגענע שטוב, ער ווערט ווי א חלק פון דיין ׳בני בית׳, אזוי ווי ס׳וועט ווערן נתבאר.

## ווי א חלק פון די בני הבית

אברהם אבינו האט געמאכט א ׳מצב׳ מיט ׳הכנסת אורחים׳, אבער מ׳ווייסט אז צומאל האט דער גאסט ליב דוקא ווען אלעס איז ׳פשוט׳, ער האט נישט ליב צו ווערן די ׳חפצא של מצוה׳, ער פילט נישט ׳קאמפטעבל׳ אז מ׳באמערקט אזוי שטארק ווי ער איז דער ׳נצרך׳, ער קען באשטיין צו פילן ווי ער איז א חלק פון יעדעם. ענדליך צו וואס דער הייליגער חזון איש שרייבט (בקונטרס אמונה ובטחון) אז א גאסט איז נישט מיין ׳חפצא של מצוה׳, דער עיקר אז פארן גאסט זאל זיין געשמאק, צו ביי מיר אינדערהיים אדער ביי א צווייטן. פארן גאסט איז נישט געשמאקט צו פילן, אז מ׳נוצט אים אויס זיך צו פילן גשמאק טוענדיג א מצוה מיט אים, ער קען באשטיין זיך צו פילן נאטורליך.

און אזוי איז מבואר אין רבינו יונה אז די מצוה פון ׳הכנסת אורחים׳ איז צו געבן פארן גאסט די הרגשה אז ער איז א חלק פון יעדעם, ווי ער איז א חלק פון די ׳בני בית׳, די געסט אים אראפ א שטיקלע פון דיין הויז, א שטיקלע פון דיין עסן, א שטיקלע פון דיין פריוועסי, אבער נישט נאר די געסט אים אראפ, נאר נעם אים אויף אריין, ׳הכנסת אורחים׳, נעם אים אריין מיט די הרגשה אז ער איז א חלק פון דיין בני בית. דיינע ׳בני בית׳ געבן דיר כבוד חיות און געשמאק, אויך דער גאסט געט דיר כבוד חיות און געשמאק, אדרבא דער גאסט ברענגט אריין א פרישע קאליר, א פרישע געשמאק, א געשמאק פון א אנדערע שטאט, פון א אנדערע מקום.

דאס איז די שלמות׳דיגע וועג פון הכנסת אורחים, דער גאסט זאל פילן ווי ער איז מהנה דעם בעל הבית, אזוי ווי אברהם אבינו האט געטון מיט זיינע געסט, זיי האבן ממש געפילט ווי זיי טוען גאר א מצוה מיט אברהם, זיי לעבן אים אויף, כאילו אברהם איז אזוי איינזיים, ס׳איז נישט דא קיין עוברים ושבים, און ס׳איז אים די גרעסטע שמחה אז ער טרעפט א מענטש, אז ער טרעפט א נפש חיה.

און ס׳איז געווען אמת, ס׳איז נישט געווען געמאכט, אברהם אבינו איז געווען א ׳איש חסד׳, א ׳סאושעל מענטש׳, ער האט זיך באמת געפריידט צו די געשמאק און לעבן וואס די געסט ברענגען אים אריין.

## עפענען די פריווייטע לעבן

איז מיט דעם פארשטייט מען וואס די תורה פארלאנגט אז דער מענטש זאל עפענען זיין פריוואטע לעבן און אריינעמען געסט, אפילו די געסט קענען זיין אלע סארטן מענטשן, ער קען זאגען אלע מיני דיעות, אויף די הויז, אויף די אויפגעפידערעכץ, אויף די קינדער, די שטוב ווערט דורך זוכטיג, און נאכדערצו אז מארגען גייט ער ארויס וויסענדיג אלעס וואס טוט זיך ביי יענעם אינדערוויינינג.

און באמת שטייט אין מסכת דרך ארץ רבה (פרק ה) ׳כבדהו וחשדהו׳, אז רבי עקיבא האט אריינגעברענגט א ׳אורח׳ אין זיין שטוב אויפן צווייטן שטאק, און ער האט אוועקגענומען די לייטער פונעם בוידעם, מורא האבענדיג אז ער וועט אים באגנב׳נען אינמיטן נאכט, און אזוי איז טאקע געווען אז דער ׳גנב׳ איז אראפ געפאלן פונעם בוידעם און זיך צובראכן זיינע אברים. דארף מען דאך פארשטיין פשט פון ׳הכנסת אורחים׳, ווי קען זיין אז די תורה הייסט עפענען מיין הויז פאר א פרעמדע מענטש, ער קען דאך מיר מזיק זיין אויף אזוי סאך וועגן.

נאר פשט איז אז דער גאסט ווערט ווערט א חלק פון די משפחה, אזוי ווי די אייגענע משפחה איז די סדר אז זיי פארדעקן דעם מענטש, זיי היטן אויף אים, די זעלבע געשעט מיט א גאסט, די טבע הדבר פון א גאסט אז ער ווערט ווי א חלק פון די הויז געזונט. דער גאסט עפענט זיך צו ווי א ׳נצרך׳, און די עפענסט זיך מיטן געבן דיין שטוב, וואס דאס מאכט א מורא׳דיגע שטארקע קשר, א קשר ׳פנים בפנים׳ ווי ס׳איז געווארן נתבאר פון דער מהר״ל, און דורכשניטלך איז נישט דא וואס מורא צו האבן.

אין הכי נמי, ס׳איז דא אז דער גאסט קומט דיירעקט דיר צו מזיק זיין, ווי מ׳האט געשמועסט די חז״ל ׳כבדהו וחשדהו׳, אבער דורכשניטלעך איז עס פארקערט, דער גאסט ווערט נאנט און בויט א אינערליכע קשר, יעדער גאסט אויף זיין דרגא, און ס׳איז נישט אז די עפענסט די שטוב צו די גאס, פארקערט די נעמסט אים אריין צו דיר, ׳הכנסת אורחים׳ די ברענגסט אים אריין אינדערוויינינג.

ס׳איז באקאנט די מורא׳דיגע חיוב צו באגלייטן א גאסט, וואס דאס ווייזט אז דער גאסט איז א נצחיות׳דיגע קשר, ווען מ׳באגלייט אים ארויס, באגלייט אים מיט די קשר וואס האט זיך געבויט אינדערוויינינג, מ׳געט אים דאס מיט פאר ׳צידה לדרך׳. און דאס איז די הלכה, אז ווען א גאסט קומט צוריק צו די זעלבע שטאט וואס ער איז שוין דארט אמאל געווען, דארף ער נאכאמאל איינשטיין אין די זעלבע פלאץ ווי ער איז די ערשטע מאל איינגעשטאנען, ער דארף אנהאלטן אז די קשר זאל בלייבן א נצחיות׳דיגע קשר, ער איז געווארן ווי א חלק פון די משפחה, און ער דארף דאס אנהאלטן.

ממילא אויב איז ער פארדעכנט ווי א ׳היימישער׳, איז אלעס וואס ער זעט און הערט ביים גאסט געבער, איז דאס נישט ווי א פרעמדער וואס קוקט פון דער זייט, דאס איז ווי א אייגענער. דאס איז די עומק פון מצות ׳הכנסת אורחים׳, די קשר פנים אל פנים וואס ווערט, וואס דאס איז א קשר וואס מ׳געדענקט אויף אייביג, ווי יעדער קען פארציילן ווי ער געדענקט פון אלץ קינד אלע געסט וואס זענען איינגעשטאנען ביי זיין טאטע און מאמע, געסט זענען א אייביגקייט, א קשר וואס די שטוב מאכט מיטן גאסט, א נצחיות׳דיגע קשר פוןביידע צדדים.

## 'שתיקה' איינצוזאפן

אין די פרשה לערנט מען פון די עקידה, די צענטע נסיון פון אברהם אבינו. אברהם אבינו איז בייגעשטאנען צען נסיונות, דער עיקר כח צו ביישטיין נסיונות איז די 'כח השתיקה', אברהם אבינו האט געהאט קשיות, און ער האט געשוויגען און נישט מהרהר געווען, 'לך לך מארצך', 'ויהי רעב בארץ', די נסיון פון די עקידה, אלעס איז געווען אים צו מנסה זיין צו ער וועט האבן חלילה קושיות, צו ער וועט עס מקבל זיין באהבה.

'שתיקה' איז א וויכטיגע 'סקיל' אינעם לעבן, מיט 'שתיקה' קען מען דורך גיין שוועריגקייטן, 'שתיקה' שטארקט דעם מענטש און בויט אים די אייגענע כוח הדעת, 'שתיקה' עפענט אויף די כח פון אריינעמען און 'איינזאפן א זאך, און מיט 'שתיקה' באקומט מען אויך די כח איינצוזאפן 'נסיונות', עס צו קענען אראפ שלונגען און אנגיין וויטער אין לעבן.

ס'איז דא א 'שתיקה' פון שוואכקייט, מ'שוויגט ווייל מ'האט נישט וואס צו זאגען, מ'האט נישט וואס צו טענה'נען. און ס'איז דא 'שתיקה' פון שטארקייט, מ'האט גוט וואס צו זאגען און ענטפערן, אבער מ'איז בוחר צו שולט זיין, אנשטאט רעדן און 'עקספאזען', איז מען בוחר צו איינזאפן און אריינעמען. אנשטאט זיך רעגען אויף די גאנצע וועלט וועגען דיינע נסיונות, באטראכט מען מצבים מיט א שטילקייט, מ'זעט עס פון א טיפערע פלאץ, פון א פרישע קוק, פון ווי מ'קען עס נעמען וויטער אין לעבן.

די סדר העולם אז פרויען רעדן אסאך, און מענער שוויגען מער, ווי די חז"ל זאגען (קידושין מט ע"ב) 'עשרה קבין שיחה וכו', תשעה נטלו נשים'. רעדן מיינט אז מ'דארף צו קומען צו א צווייטן, מ'רעדט אז יענער זאל מיך אויסהערן און מחשיב זיין וואס איך זאג, איז פרויען וואס האבן א שוואכערע 'קאנפעדענץ', דארפן מער אז מ'זאל זיי אויסהערן, די 'מענער' וואס שטייען מער אויף די אייגענע פיס, דארפן נישט אז מ'זאל זיי אויסהערן, ס'איז זיי זייער גוט מיט זיך אליינס, ס'איז זיי גוט מיט די 'כח השתיקה'.

די 'כח הדיבור' איז א 'פעולה', און די 'כח השתיקה' איז א 'העדר פעולה', דיבור איז א כח התנועה וואס ריקט זיך פאראויס, און 'שתיקה' איז אז מ'קוקט אָן אלעס 'כמו שהוא', מ'איז מסכים אז אלעס זאל זיין פונקט אזוי ווי ס'איז, ס'דארף זיך גארנישט טוישן. 'דיבור' האט א מעלה אז ס'מאכט אז זאכן זאלן זיך ריקן, מיט די 'כח הדיבור' ערלעדיגט מען אז זאכן זאלן זיך ריקען פאראויס. און 'שתיקה' האט א מעלה אז מ'איז שטערקער מיט וואס מ'האט, און ווי שטערקער מ'איז מיט די מצב אזוי ווי ס'איז, קען זאכן זיך אליינס ריקן און פאַלן אין פלאץ.

יעצט לאמיר צוריק קומען צו די 'כח השתיקה' וואס העלפט עומד צו זיין אין נסיונות, ווען א מענטש האט א 'נסיון', פראבירט ער געווענטליך ווי ער קען נאר צו טוישן די מצב, אבער ווען ער איז 'עומד בנסיון' מיינט דאס אז ניין, ער זוכט נישט גארנישט צו טוישן, ער איז שטיל, ער באטראכט און אבזעווירט די מצב 'כמו שהוא'. ער האט גרויסע נסיונות, זאכן מאכן נישט קיין 'סענס', וואס גייט דא פאר אויפן וועלט, וואס איז דאס און וואס איז יענץ, זאכן פארן נישט ריכטיג, אבער אף על פי כן איז מען אלעס סובל און מ'זאפט עס איין 'כמו שהוא'.

## שטארק פון אינדערווייניג

די חז"ל זאגן אז 'השומעים חרפתם ואינם משיבים, עליהם הכתוב אומר, ואוהביו כצאת השמש בגבורותו'. איינער וויל אים ארויס נעמען פון די כלים, איינער צימבלט אים, אבער ער האלט זיך מיט זיך, ער שוויגט און ענטפערט נישט. איינער וויל אים צימבלען ער זאל ארויסקומען, ער זאל ארויסקומען אויפן מלחמה פראנט צווישן זיי ביידע, אבער ער דערשרעקט זיך נישט, ער בלייבט מיט א זיכערקייט און א שטילקייט אינדערווייניג אין זיך, אינדערווייניג אין זיין שטארקע פלאץ.

אינדערווייניג אין זיך, איז די שטערקסטע פלאץ פארן מענטש, דארט איז זיין כח הגבורה, טאמער גייט ער ארויס צו יענעם, ער גייט ארויס צו די 'חלל' וואס איז צווישן זיי צוויי, דאן קען אים יענער באזיגען, יענער קען זיין אסאך שטערקער ווי אים, אבער אז ער האט די 'כח השתיקה' בלייבט ער מיט זיך, ער בלייבט מיט זיין פלאץ , ער בלייבט דארט ווי ער איז דער 'בעל הבית', דארט ווי ער איז שטארק.

**שוויגען קוקט אויס ווי א ווייכקייט, ס'קוקט אויס ווי א 'בטלנות' און א 'ותרנות', אבער דאס איז נאר פון אינדרויסן, פון אינדערווייניג איז פונקט פארקערט, פון אינדערווייניג איז שוויגען א הארטקייט און שטארקייט**

שוויגען קוקט אויס ווי א ווייכקייט, ס'קוקט אויס ווי א 'בטלנות' און א 'ותרנות', אבער דאס איז נאר פון אינדרויסן, פון אינדערווייניג איז פונקט פארקערט, פון אינדערווייניג איז שוויגען א הארטקייט און שטארקייט, דער מענטש באפעסטיגט זיך דארט שטארק, אינדערווייניג איז ער דער 'בעל הבית', דארט איז ער דער שטארקער. ס'איז דא א מענטש וואס שוויגט 'בעל כרחו', ער ווערט פאראהאקט און שוויגט, און ס'איז דא פארקערט, אז ברצון איז ער 'בוחר' זיך צו פארמאכן און שוויגען, ער איז בוחר צו בלייבן אין זיין שטארקע פלאץ ווי ער איז באקוועם.

די מציאות איז אז דער וואס שוויגט ער איז דער שטערקערער. למשל, א מלמד אין קלאס, א קינד רעגט אים אויף, א קינד נעמט אים ארויס פון די כלים, אויב רעגט ער זיך טאקע אויף, מיינט דאס אז דער קינד האט שולט געווען אויפן 'מלמד', ס'איז געלאנגען פארן קינד צו דרייען עפעס ביים 'מלמד', אויב אבער דער מלמד האלט זיך און ער 'איגנארט' דעם קינד, דאן איז דער מלמד דער שטערקער.

המשך בעמוד הבא

דער קינד האט אים כמעט ארויס גענומען פון די כלים, און ער האט געגעבן א ריק די זאך אינדערזייט און געגאנגען ווייטער.

צוויי מענטשן, א מאן און ווייב, צוויי שותפים, א בעל הבית מיט א ארבעטער, צוויי חבירים, חברותות, אסאך מאל איז דער וואס שווייגט דער וואס טראגט דעם צווייטן, דער וואס שווייגט ער איז דער 'בעל הבית' אויפן צווייטן. ס'קוקט אויס ווי דער שרייער איז דער 'בעל הבית', ער שרייט און צולאזט זיך, אבער באמת דער וואס שווייגט ער האט דער אויבער האנט, דער וואס שווייגט איז זיך באקוועם אין זיין פלאץ, אינדערוויניג אין זיך איז ער דער שטארקער, אינדערוויניג מאכט ער אוועק אלעס וואס יענער האט אים געזאגט, אינדערוויניג האלט ער זיך ווייטער ביי זיינס.

סך הכל, דער וואס שרייט און פארפירט איז שטארק פון אינדרויסן, און דער וואס איז שטיל און סובל, ער איז שוואך פון אינדרויסן, אבער ער איז שטארק און באפעסטיגט פון אינדערוויניג. געוועינטליך דער וואס איז שטארק פון אינדערוויניג, זיין שטארקייט האט א גרעסערע חשיבות, ווייל ער איז באפעסטיגט אין זיין אייגענע פלאץ. ווי ס'איז באקאנט די כלל אין מלחמה, אז דער באפעסטיגט זיך אין זיין אייגענע פלאץ, דער איז שטערקער.

## די שתיקה פון אברהם ויצחק

ביי אברהם אבינו טרעפט מען אסאך די 'כח הדיבור', אין די פרשה זעט מען ווי שיין און באריכות ער האט גערעדט צו זיינע געסט. אויך האט אברהם אבינו געגעבן 'דרשות' איבעראל, ווי די פסוק זאגט "ויקרא בשם ה' קל עולם", און די פסוק זאגט "למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו", אברהם איז געווען א גרויסע זאגער, א גרויסע "רעדער", 'כי נביא הוא', 'ווייל א רעדער איז ער', ער קען גוט מתפלל זיין (אברהם אבינו ווערט אנגערופן 'דער ערשטער מתפלל').

און אזוי טרעפט מען ביי סדום ווי ער האט מתפלל געווען באריכות גדול, און ביים מתפלל זיין האט ער כסדר געזאגט פארן אייבירשטן, 'הנה נא הואלתי לדבר', 'איך האב שוין אנגעפאנגען צו רעדן, לאז מיך שוין אויסרעדן אינגאנצן', וואלט איך ווען געוויסט די מצב וואלט איך נישט אנגעפאנגען, אבער אז איך רעדט שוין זאל עס שוין זיין אינגאנצן. וואס אין דעם ליגט א געוואלדיגע כח הדיבור, ס'שפירט זיך ווי ס'גוסט זיך תפילות פון אברהם אבינו, אויף א דרגא אז ער קען נישט 'סטאפן'.

אויך אין פרשת חיי שרה ווען ער האט געשיקט אליעזר צו טרעפן א כלה, זעט מען ווי אברהם אבינו האט גערעדט באריכות גדול, מיט אלע תנאים און חשבונות טאמער וועלן זיי יא שיקען, און טאמער וועלן זיי נישט שיקען, וואס דאס איז א כח הדיבור.

דער רבינו בחיי זאגט (בפתיחה לפרשת יתרו) אז דאס וואס חז"ל זאגען 'מרגליות היה תלוי בצאורו של אברהם אבינו', אז דאס מיינט די 'כח הדיבור' זיינע, אברהם אבינו האט גערעדט 'פערל ווערטער', דער עולם האט מורא'דיג הנאה געהאט פון זיינע 'דרשות', ער האט איבער געזאגט 'פערל' און 'בריליאנטן' און מחזיר געווען יעדעם בתשובה.

אויך שטייט אין ספרים אז די אות ה' וואס דער אייבישטער האט צוגעלייגט צו זיין נאמען, אז דאס איז געווען א 'כח הדיבור' וואס דער אייבישטער האט אים געגעבן, די ה' איז די ה' מוצאות הפה, דער אייבישטער האט אים געגעבן א מתנה די כח הדיבור.

אויך טרעפט מען אז אברהם אבינו האט גערעדט ברייט כביכול מיט'ן אייבירשטן, ער האט געפרעגט דעם אייבירשטן 'במה אדע', ער האט געפרעגט מיט א ברייטקייט כביכול. אויך זעט מען אז די ספר היצירה וואס איז מיוחס צו אברהם איז מיוסד אויף די כח הדיבור, אויף די אותיות און הברות וואס זענען קבוע אינעם לשון, דאס איז אברהם אבינו דער 'כח הדיבור'.

אבער דאס איז נאר געווען ביי אברהם אבינו די מידה פון 'חסד', יצחק אבינו איז געווען 'מידת הגבורה', וואס דאס איז די 'כח השתיקה' וואס יצחק אבינו האט געהאט. ביי די 'עקידה' טרעפט מען נישט כמעט אז יצחק אבינו זאל עפעס זאגען. אויך זעט מען קיינמאל נישט אז יצחק אבינו זאל עפעס צוריק רעדן צום אייבירשטן, אזוי ווי מ'טרעפט ביי אברהם. אויך טרעפט מען נישט אז יצחק זאל האלטן דרשות וכדומה, יצחק אבינו האט געלעבט מיט די 'כח השתיקה' שטיל פאר זיך.

די ספרים זענען מדייק אז אברהם האט גע'מוסר'ט אבימלך וועגען די 'בארות', און יצחק אבינו האט נישט גע'מוסר'ט, וואס דאס האט א שייכות מיט די שטילקייט און איינגעהאלטנקייט פון יצחק אבינו, ער האט ענדערשט אויסגעקליבן דער ענין פון 'שומע חרפתו ואינו משיב', די 'כח השתיקה', מה שאין כן 'אברהם אבינו' וואס האט ענדערשט מקיים דעם 'הוכח תוכיח'.

סך הכל, די מידה פון אברהם אבינו איז די מידה פון 'חסד', די מידה פון זיך מקשר זיין מיט מענטשן, וואס דאס איז מיט די 'כח הדיבור', און יצחק אבינו איז די מידה פון 'גבורה', די כח השתיקה פון לעבן מיט זיך אליינס, איך דארף נישט אנדערע, איך דארף נישט אנדערע צו באקומען שטארקייט און 'סיפארט', ס'איז מיר גוט מיט מיך אליינס.

עימוד: י.ב. 972-50-413-8477+

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 1646650559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**